# עונג שבת

## פרשת צו תשס״ג

**גוט שבת אלע אידן.** עס איז געווען אנהייב חודש אייר תש״נ און א גרויסע עולם איז צוזאמענגעקומען אין דעם ריזיגן זאל פון דעם ״מאדיסון סקווער גארדען״ אין מאנהאטען לכבוד דעם סיום הש״ס פונעם ״דף היומי״. צווישען די משתתפים אין דעם סיום הש״ס זענען געווען אן עלטערער איד פון לאס אנגעלעס מיט׳ן נאמען ר׳ הערש לייב מאנדל (זיין עכטע נאמען), און זיין זון ״פרענק״ וועלכע האט געוואוינט אין דעם מאנהאטען וועסט–סייד געגענט.

עטליכע רעדנערס האבן גערעדט ביים סיום הש״ס. פלוצלונג, ווען א נייער רעדנער האט אנגעהויבן צו רעדן, דער הערש לייב האט זיך געגעבן א שטארקן זיץ אויף זיין פלאץ. הערש לייב האט דערקענט דעם מענטש׳ס קול, וואס האט געהאט א שטארקע אויבערלאנדישע אקסענט. הערש לייב איז געווען זעכער אז ער האט געקענט דעם קול פון ערגעץ, אבער פונקטליך פון וואו האט ער נישט געדענקט. פרענק, הערש לייב׳ס זון, האט געקוקט אויפ׳ן ריזיגן סקרין וואו עס איז געשטאנען די נאמען פון יעדען רעדנער בשעת יענער האט גערעדט. ״עס שטייט אויפ׳ן סקרין אז דער רעדנער איז הרב ניישלאס שליט״א פון סקווירא.״ האט פרענק געזאגט. הערש לייב׳ס פנים איז געווארן ווייס. ״טאטי, איז אלעס אין ארדנונג?״ האט פרענק געפרעגט זיין טאטע׳ן ווען ער האט באמערקט א טויש אין זיין טאטע׳ס פנים. ״איך מוז רעדן מיט דעם רב. דו ווייסט וואס? געב מיך א פען מיט א שטיקל פאפיר, איך גיי אים שרייבן א צעטל.״ ״פארוואס... וואס איז געשען טאטע?״ האט פרענק געפרעגט זיין טאטן.

״עס איז א לאנגע מעשה פון אסאך אסאך יארן צוריק. איך בין זעכער אז ער וועט עס געדענקען. ווייל די מעשה גיי איך קיינמאל נישט פארגעסן...״ הערש לייב האט אנגעהויבן צו טראכטן וועגן די מעשה פון עטליכע 50 יאר פריער.

פאר מיר גייען ענדיגען דער מעשה, לאמיר אביסל רעדן פון דער פרשה. עס שטייט אין פסוק ״ולבש הכהן מדו...״ (ויקרא ו,ג) די ספרים זאגן אז ווען די הייליגע תורה רעדט פן דעם כהן גדול, מיינט די תורה צו מרמז זיין אויף די צדיקים וועלכע פירן דעם דור. וועגן דעם קען מען אפשר זאגן אז דער פסוק איז מרמז אויף די הנהגות פון א צדיק. ד״ה, א צדיק ווערט באמת דערקענט דורך זיין גוטע מידות, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ״ולבש הכהן מדו...״ יעדער איינער וואס האט א שייכות מיט אן עכטן צדיק, ווערט נתפעל פון דעם צדיק׳ס מידות טובות. איז לאמיר ענדיגען דער מעשה וואס ווייזט אויף די מידות טובות פון הרה״צ רב משה ניישלאס זצ״ל.

די מעשה וואס הערש לייב האט געדענקט, איז געשען מיט עטליכע 50 יאר פריער אין אונגארן. בערך תש״ב–תש״ג איז הערש לייב געווען א ישיבה בחור אין דעם שטאט נירעדהאז. אין די יארן, אפילו פאר די דייטשן ימ״ש זענען אריינגעקומען אין אונגארן, איז עס געווען שווער פאר די אידן. די ז׳אנדארס, די אנטי–סעמיטישע אונגארישע פאליציי, פלעגן פייניגען די אידן. איין פרייטאג צו נאכטס איז דארט געווען א שמועה אין שול אז די ז׳אנדארס ימ״ש האבן ארעסטירט א איד און זיי האבן אים שטארק געשלאגן און איינגעזעצט אין תפיסה. די קהילה איז שנעל צוזאמענגעקומען צו רעדן וועגן פדיון שבוים פאר דעם איד וואס זיי האבן פארשלעפט אין תפיסה אריין. דער בחור הערש לייב איז געווען דארט בשעת זיי האבן גערעדט וועגן אויסלייזן דעם איד פון תפיסה, און אפילו ער איז געווען א בחור, האט ער געוואלט העלפן.

די אונגארישע רשעים האבן קיינמאל נישט אריינגעלאזט אידן פון דער קהילה אין תפיסה צו העלפן א איד. א באוואוסטע רב לאנדא אין שטאט האט געהאט אן אונגארישע גויטע. די גויטע האט אביסל פארשטאנען די אידישע מנהגים ווייל זי האט געארבעט ביי אידן אסאך יארן. וועגן דעם האט רב לאנדא און אנדערע מענטשן פון דער קהילה מחליט געווען צו אריינשיקן די גויטע צו מברר זיין ווער דער איד אין תפיסה איז, און וואס עס טוט זיך מיט אים.

הערש לייב האט געגעבן אביסל עסן פאר די גויטע כדי זי וועט עס קענען געבן פאר דעם איד. ווען די גויטע איז אנגעקומען צו דעם תפיסה, האבן די פאליציי איר אריינגעלאזט אן פרעגן קיין פראגעס. די גויטע איז געווארן איבעראשט ווען זי האט געזען דעם איד, ווייל זי האט געזען ווי שטארק די ז׳אנדארס האבן אים געשלאגן. די גויטע האט דעם איד געזאגט אין אונגאריש: ״איך בין געקומען פון דער אידישער קהילה. דא איז אביסל כשר׳ע עסן. ווי אזוי הייסט איר?״

דער איד אין תפיסה האט נישט געוואוסט אויב ער קען גלייבן די גויטע, ווייל ער האט געוואוסט אז די ז׳אנדארס האבן גענוצט אלע מיני עלילות קעגן די אידן. אבער, אפשר איז זי טאקע געווען א שליח פון דער קהילה. דער איד האט נישט געוואלט פארפאסן דעם געלעגענהייט צו ווערן געראטאוועט. וועגן דעם האט ער געזאגט פארן גויטע, ״זאג זיי אז ׳אוּהֶיעה לאקאט׳ איז דא אין תפיסה.״

די גויטע האט נישט פארשטאנען וואס דער איד האט געמיינט צו זאגן, ווייל ׳אוּהֶיעה לאקאט׳ איז נישט געווען קיין נאמען. זי האט עס איבערגעזאגט פאר דעם איד, צו זיין זעכער אז זי האט עס ריכטיג געהערט. באלד דערנאך איז זי ארויסגעגאנגען פון תפיסה און זי איז שנעל געגאנגען צו דעם רב לאנדא און די אידן פון דער קהילה צו פארציילן ווי שטארק זיי האבן געשלאגן דעם איד. די גויטע האט געזאגט פאר רב לאנדא אז דער איד האט געזאגט אז ער הייסט ׳אוּהֶיעה לאקאט׳. די אידן זענען געזעצן ארום דעם פרייטאג צו נאכטס שבת טיש הערענדיג וואס די גויטע האט פארציילט. ׳אוּהֶיעה לאקאט׳ האבן זיי געזאגט א פאר מאל, טראכטענדיג וואס דער איד האט געוואלט מרמז זיין. ׳אוּהֶיעה לאקאט׳ – מיינט ״א נייע שלאס״ זיי האלטן רב ניישלאס!״ האט איינער פון די וועלכע זענען געזעצן ארום זיך אנגערופן. דער עולם איז געווארן ערשטוינט. אזא חשוב׳ער תלמוד חכם ווי רב ניישלאס! זיי האבן נישט געגלייבט. הערש לייב האט פארציילט פאר די גויטע ווי אזוי רב ניישלאס זעט אויס, און די גויטע האט געזאגט אז אזוי האט דער איד טאקע אויסגעקוקט.

די קהילה האט זיך אנגעשטרענגט אויסצולייזן רב ניישלאס אפילו עס איז געווען שבת. צום סוף, דורך א מורא׳דיגע השגחה פרטית, האט הערש לייב מצליח געווען אויסצולייזן רב ניישלאס אין דעם זעלבן שבת נאכט. הערש לייב איז געקומען אים אהיימצונעמען פון תפיסה. הערש לייב האט געוואלט גלייך נעמען רב ניישלאס צו א דאקטאר, אבער רב ניישלאס האט נישט מסכים געווען. ״קום מיט מיר,״ האט רב ניישלאס געזאגט צו הערש לייב. זיי זענען ביידע אריינגעגאנגען אין א פריוואטע שטוב אין דעם הויז, און רב ניישלאס האט געבעטן פון הערש לייב אז ער זאל פארשפארן דעם טיר. נאך דעם וואס דער טיר איז געווען צוגעשפארט, האט רב ניישלאס אויסגעטון זיין רעקל. הערש לייב האט שוין געקענט זען די בלוטיגע וואונדן פון די שלאגען. באלד דערנאך האט רב ניישלאס אויסגעטון זיין העמד. דאן האט רב ניישלאס געזאגט פאר הערש לייב: ״צייל אפ די וואונדן פון די קלעפּ וואס איך האב אויף מיין רוקן און איבעראל אויף מיין גוף. ביטע זיי זיכער, צו ציילען יעדען שלאג.״

הערש לייב איז געווארן איבעראשט. רב ניישלאס האט מסביר געווען, ״בשעת זיי האבן מיך געשלאגן, האב איך געמאכט א נדר אז איך גיי געבן צען פענגא (אן אונגארישע מטבע) פאר צדקה פאר יעדען שלאג.״ הערש לייב איז געבליבן שטיל. ער האט נישט געקענט משיג זיין די גדלות און קדושה פון דעם רב! הערש לייב איז געבליבן שטיל אפאר סעקונדעס, ביז רב ניישלאס האט זיך געגעבן א רוף אן: ״גיי שוין, צייל יעדע איין איינציגסטע וואונד.״

הערש לייב האט געציילט כמעט 40 שווארץ און בלוי וואונדן אויף דעם רב׳ס פנים גוף און פוס. ווען ער האט געענדיגט ציילן, האט רב ניישלאס געמאכט א חשבון וויפיל צדקה ער איז חייב צו געבען און ער האט געזאגט אז ער גייט עס באצאלן נאך שבת.

נאך אפאר טאג אויסרוהן זיך, איז רב ניישלאס אהיימגעפארן. באלד דערנאך אין תש״ד זענען די דייטשן ימ״ש אריינגעקומען אין אונגארן, און רב ניישלאס און הערש לייב האבן זיך מער נישט קיינמאל געזען איינער די צווייטן...

הערש לייב׳ס האנט האט זיך געשאקעלט ווען ער האט געשריבן דעם צעטל פאר רב ניישלאס עטליכע 50 יאר שפעטער ווען ביידע האבן זיך געטראפן אין ״מאדיסון סקווער גארדען״ אין מאנהאטען לכבוד דעם סיום הש״ס פונעם ״דף היומי״.

״מיין טייערער רב ניישלאס, אפשר געדענקט איר 50 יאר צוריק ווען איך האט געציילט די וואונדן אויף אייער רוקן ווען איר זענט ארויסגעקומען פון תפיסה אין שטאט נירעדהאז, איך האב געוואלט מיט אייך זיך טרעפן.״ הערש לייב האט געגעבן דעם צעטל פאר זיין זון, ווער האט עס איבערגעגעבן צו איינעם פון די גבאים, ווער האט עס איבערגעגעבן פאר רב ניישלאס. א פאר מינוט שפעטער, זענען הערש לייב מיט זיין זון אריבערגעגאנגען צום פלאץ וואו זיי האבן געטראפן מיט רב ניישלאס.

״איר האט געראטעוועט מיין לעבן!״ האט רב ניישלאס געזאגט מיט א התרגשות. ״עס איז געווען א גרויסע כבוד פאר מיך, צו דינען אייך דעמאלט.״ האט הערש לייב געזאגט מיט אן ענווות׳קייט. די צוויי האבן געשמועסט אביסל און זיי האבן אפגעמאכט צו האלטן דעם קשר צווישן זיי. און אזוי איז עס געווען, די צוויי האבן גערעדט אויפ׳ן טעלעפאן און געשיקט בריוועך איינער צו דעם צווייטן און ר׳ הערש לייב איז אפילו געקומען אפאר מאל באזוכן דעם רב. זיי האבן געהאלטן א נאנטן שייכות ביז דעם פטירה פון דעם צדיק הרב משה ניישלאס, זי״ע אין תשנ״ז. אין די זיבן יארן וועלכע די צוויי האבן געהאט א שייכות איינער מיט׳ן אנדערן, האט רב ניישלאס שטענדיג מכיר טוב געווען פאר ר׳ הערש לייב. רב ניישלאס׳ ווארעמקייט און כיבוד פאר הערש לייב האט געמאכט א מורא׳דיגע רושם אויף הערש לייב. אלעס צוליב די הכרת הטוב פון א מעשה פון 50 יאר פריער!

פון דער מעשה זעט מען א טראפּ אין ים פון דעם גדלות פון דעם רב זצ״ל. מען זעט פון דער מעשה אז די עיקר גדלות פון גרויסען מענטשן איז זייערע מידות טובות. א גרויסער מענטש ווערט באמת דערקענט דורך זיין גוטע מידות, ווייל חז״ל זאגן אז ״ולא המדרש העיקר, אלא המעשה...״ (אבות א,יז) ד״ה לערנען תורה דארף צוברענגען צו מעשים טובים. און אזוי איז עס ביי עכטע צדיקים וועלכע זענען מקיים דעם פסוק ״ולבש הכהן מדו...״ **גוט שבת אלע אידן.**

<u>רפואה שלימה להרה״צ רבי יעקב יוסף בן חי׳ חנה שליט״א בתוך שאר חולי ישראל</u>

״...והנה מיכאל אחד השרים הראשנים בא לעזרני...״ מזל טוב למוה״ר מיכאל צוקערברוין הי״ו לרגל שמחת נישואיו בשעטומ״צ

לעילוי נשמת האשה החשובה ברכה בת ר׳ דוד ע״ה כ׳ שבט תשס״ג • לעילוי נשמת ר׳ נח בן ר׳ יודא ז״ל

שתיקה יפה בשעת התפילה *״כל העונה אמן בכל כחו פותחים לו שערי גן עדן.״* (שבת קיט:)

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג P.O. Box 334, Monsey, New York 10952 (845) 362-3234